# אפטיילונג 1
# אריינפיר

**די אפטיילונג דעקט:**

- **קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל (Commercial Motor Vehicle, CMV)**
- **קאמערציאלע דרייווער לייסענס (Commercial Driver License, CDL) און קאמערציאלע לערנער פערמיט (Commercial Learner Permit, CLP) קלאסן,**
- **ענדארסירונגען און באגרעניצונגען**
- **קאמערציאלע דרייווער לייסענס און קאמערציאלע לערנער פערמיט פאדערונגען**
- **קאמערציאלע דרייווער לייסענס טעסטס**
- **מער פאדערונגען פאר באס דרייווערס**
- **דרייווער דיס-קוואליפיקאציעס**
- **אנדערע קאמערציאלע פריוויליגיע פארשריפטן**
- **אינטערנאציאנאלע רעגיסטראציע פלאן און אינטערנאציאנאלע ברענשטאף שטייער צושטימונג**

## 1.1 - קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל (CMV)

איר מוזט האבן א קאמערציאלע דרייווער לייסענס (CDL) אדער קאמערציאלע לערנער פערמיט (CLP) צו אפערירן איינע פון די פאלגענדע CMVs:

- אן איינצעלנע וויהיקעל מיט א גראוס וויהיקעל וואג ראטע (Gross Vehicle Weight Rating, GVWR) פון 26,001 פונט אדער מער.
- א טראק וואס שלעפט א טרעילער מיט א GVWR פון מער ווי 10,000 פונט אויב די גראוס קאמבינאציע וואג ראטע (GCWR) איז 26,001 פונט אדער מער. GCWR איז די GVWR פון די קראפט איינהייט צוזאמען מיט די GVWR פון יעדע טרעילער צוזאמגעשטעלט.
- א וויהיקעל געמאכט צו פירן 15 אדער מער פאסאזשירן (אויסער דעם דרייווער) אדער א וויהיקעל גערופען אלץ א באס אונטער געזעץ A-19, אפטיילונג 509-a פון די NYS וויהיקעל און טרעפיק געזעץ (VTL).
- אן איבערגעמאכטע וויהיקעל ברייט באקאנט אלץ א "סטרעטש לימאזין" וואס איז איבערגעמאכט געווארן צו טראגן 9 אדער מער פאסאזשירן אריינגערעכנט דעם דרייווער.
- סיי וואס פאר א מאס וויהיקל וואס פאדערט שעדליכע מאטעריאל פלאקאטן אדער טראגט מאטעריאל איינגעגעבן אלץ א אויסגעוועלטע אגענט אדער טאקסין אין 42 CFR חלק 73. פעדעראלע רעגולאציעס דורך די דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט פאדערט א הונטערגרונד אונטערזוכונג און פינגער אפדרוקן פאר די שעדליכע מאטעריאל ענדארסירונג.

**אויסנאמען**

דרייווערס פון די פאלגענדע וויהיקעלס וואס טוען אויסער דעם נאכקומען די באדייט פון א CMV זענען אויסגעשלאסן פון די CDL פאדערונג:

- א וויהיקעל וואס באלאנגט און ווערט קאנטראלירט דורך א פארמער וואס האט א GVWR פון מער ווי 26,000 פונט און ווערט גענוצט צו אריבערפירן קראפ פראדוקטן, פארם מאשינערי, אדער פארם פראדוקטן אינערהאלב 150 מיילן פון די פארם.
- אוועק-פון-ראוד מאטאריזירטע בויען אפאראטן ווי מאטאר קראצערס, בעקהאויס, מאטאר גרעידערס, קאמפעקטארס, טראקטארס, טרענטשערס, באלדאוזערס, און באן שינעס אויפהאלטונג קרעינס זענען אויסגעשלאסן ווען אפערירט ביי א בויען פלאץ וואו מען קען נישט אנקומען צום פאבליק אדער ווען אפערירט אויף א פאבליק וועג אפען צו אומבאגרעניצטע פאבליק רייזן פאר געצוימטע ווייטקייטן ביי וויניגער ווי די נארמאלע הייוועי שנעלקייטן, אויב די אפאראטן ווערן נישט גענוצט אלץ א טראנצפארטאציע צוועק. די סארט וויהיקעלס, ווען אפאר מאל גענוצט אויף א פאבליק וועג צו אנקומען אדער צו אוועקגיין פון א בויען פלאץ מוז ווערן באגלייט דורך באגלייטער וויהיקעלס אדער אין אן אנדער וועג זיין אפגעזונדערט פון די פאבליק טרעפיק.
- פייער און פאליציי וויהיקעלס וואס זענען אין עמערזשענסי אפעראציעס אין ניו יארק סטעיט.
- מיליטערישע וויהיקעלס אדער א קאמבינאציע פון וויהיקעלס אפערירט דורך מיטגלידער פון די ארמיי.
- פערזענליכע וויהיקעלס (אריינגערעכנט רענטעל וויהיקעלס ביז צו 26,000 פונט GVWR) ווען אפערירט אויסדריקליך און בלויז צו פירן פערזענליכע חפצים אדער משפחה מיטגלידער פאר נישט-קאמערציאלע צוועקן.

## פיגור 1.1 ניו יארק סטעיט CDL קלאס שילדערונגען

| לייסענס קלאס / (מינימאלע עלטער) | סארט וויהיקעל | וויהיקעל שילדערונגען | ענדארסירונג קאודס |
|---|---|---|---|
| **A**<br>(21)<br>(18 - קיין אינטערסטעיט האנדל. קען נישט אריבערפירן שעדליכע מאטעריאלן אדער אפערירן א שולע באס.) | **קאמבינאציע-**<br>אזוי ווי טרעקטער-טרעילער אדער טראק-טרעילער | • גראוס קאמבינאציע וואג ראטונג (GCWR) פון מער ווי 26,000 פונט אויב די גראוס וויהיקעל וואג ראטונג (GVWR) פון די וויהיקעל(ס) וועלכע ווערן אוועקגעשלעפט **איז** מער ווי 10,000 פונט. | H**, M, N, P, S, T, W, X**<br>קאמערציאלע דרייווער פערמיט (CLP) באגרעניצט צו:<br>M, N, P, S, W |
| **B**<br>(21)<br>(18 - קיין אינטערסטעיט האנדל. קען נישט אריבערפירן שעדליכע מאטעריאלן אדער אפערירן א שולע באס.) | **איינצעלע-**<br>אזוי ווי שווערע איינצעלנע איינהייט טראק אדער באס | • GVWR פון מער ווי 26,000 פונט (קלאס B קען אוועקשלעפן וויהיקעלס מיט א GVWR פון 10,000 פונט אדער ווייניגער, אדער מעג אוועקשלעפן א וויהיקעל פון מער ווי פונט אויב די GCWR איז נישט מער ווי פונט) | H**, M, N, P, S, W, X**<br>קאמערציאלע לערנער פערמיט (CLP) באגרעניצט צו:<br>M, N, P, S, W |
| **CDL C**<br>(21)<br>(18 - ניין אינטערסטעיט האנדל. קען נישט אריבערפירן שעדליכע מאטעריאלן אדער אפערירן א שולע באס.) | **איינצעלנע-**<br>אזוי ווי איינצעלנע חלק טראק באס, אדער סטרעטש לימא**** | • GVWR פון 26,000 פונט אדער ווייניגער וואס:<br>- פירט 15 אדער מער פאסאזשירן; **אדער**<br>- פירט פאסאזשירן אונטער ארטיקל A-19 פון די V & T געזעץ, **אדער**<br>- סטרעטש לימאזינס****; **OR**<br>- טראגט שעדליכע מאטעריאלן (קלאס C קען אוועקשלעפן וויהיקעלס מיט **א** GVWR פון 10,000 פונט אדער ווייניגער, אדער מעג אוועקשלעפן א וויהיקעל פון מער ווי 10,000 פונט אויב די GCWR איז נישט מער ווי 26,000 פונט) | H**, M. N, P, S, W, X** |

**באמערקט:** אלע קלאסן פון לייסענסעס קענען ווערן געצייכענט אדער זענען עווילעבל אלץ "ענהענסט' (פארבעסערט), וועלכע טוט נישט טוישן אן אינדיווידועל'ס דרייווינג פריווילעגיע (זעה ID-44).

* אויסגעשטעלט צו קליינע לייסענס באגרעניצונגען.

** זעה האזמאט מאנועל (CDL-11) פאר פאדערונגען.

*** אפליקאנטן וועלכע ווילן פארם (G) (F) און/אדער שלעפער טראק (W) ענדארסירונגען וועלן ווייטער באקומען א נישט-CDL C לייסענס ביי די צייט.

**** אן איבערגעמאכטע וויהיקעל ברייט באקאנט אלץ א "סטרעטש לימאזין האבענדיג א זיץ פלאץ פון ניין אדער מער פאסאזשירן אריינגערעכנט דעם דרייווער

## פיגור 1.2 ניו יארק סטעיט ענדארסירונגען

| | | | |
|---|---|---|---|
| F | פארם קלאס A וויהיקעלס | R | פארוויילונג וויהיקעלס GVWR איבער 26,000 פונט. |
| G | פארם קלאס B וויהיקעלס | S | שולע באס |
| H | שעדליכע מאטעריאלן | T | צווילינג/דריילינג |
| M | מעטאלענע רונדן | W | שלעפער טראק |
| N | טאנק וויהיקעלס | X | טאנק/האזמאט |
| P | פאסאזשיר אריבערפירונג | | |

## פיגור 1.3 ניו יארק סטעיט באגרעניצונגען

לייסענס באגרעניצונגען טוען שילדערן אייערע דרייווין צוימונגען. לייסענס באגרעניצונגען קאודס זענען געדרוקט אויף די פארנט פון אייער לייסענס אויף די שורה אונטער די "אפלויף דאטום" און "E" ענדארסירונג פיעלדס, נאך די אות "R". א שילדערונג פון סיי וועלכע באגרעניצונגען איר האט איז געדרוקט אויף די אנדערע זייט פון אייער בילד לייסענס דאקומענט:

A . . . עקסעל לינקס פונעם ברעיק

A1 . . . צייטווייליגע באזוכער

A2 . . . פראבלעמאטישע דרייווער ★

A3 . . . מעד סערט פטור ★★

A4 . . . אנצינדונג אינטערלאק אפאראט ★★★★★

B . . . פארריכטנדע לענסעס

C . . . מאכאנישע הילף

D . . . פראסטעטיק דעווייס

E . . . קיין מאנועל טראנסמישן אויסגעשטאטע CMV ★★

E1 . . . אויטאמאטישע טראנסמישן

F . . . דרויסענדיגע שפיגלען

F1 . . . אויער הילף אדער פולע-זעה-קראפט שפיגל

G . . . דרייוון נאר בייטאג

I . . . באגרעניצטע באנוץ קאר MAX 40 MPH

I1 . . . באגרעניצטע באנוץ MCY MAX 40 MPH ★★★★

I2 . . . באגרעניצטע באנוץ MCY MAX 30 MPH ★★★★

I3 . . . באגרעניצטע באנוץ MCY MAX 20 MPH ★★★★

I4 . . . דריי רעדל MCY ★★★★

K . . . CDL בלויז אינארעסטעיט ★★
(קיין אפעראציע אויסער ניו יארק סטעיט פאר האנדל)

L . . . קיין לופט ברעיק אויסגעשטעלטע CMV ★★

M . . . קיין קלאס A פאסאזשיר VEH ★★

N . . . קיין קלאס A און B פאסאזשיר VEH ★★

N1 . . . קיין וויהיקעל געמאכט פאר 15 אדער מער ערוואקסענע פאסאזשירן ★★

N2 . . . קיין וויהיקעל געמאכט פאר 8 אדער מער ערוואקסענע פאסאזשירן ★★

O . . . קיין טרעקטאר/טרעילער CMV★★

O1 . . . קיין טרעקטאר/טרעילער CMV/טראק נישט איבער 26,000 GVWR ★★

P . . . קיין פאסאזשירן אין CMV באס ★★★

P1 . . . קראפט ברעיקס

Q . . . קראפט סטירינג

R . . . אויפגעבויטע זיץ/פעד/שיך

S1 . . . בלויז שולע באס ★★

U . . . האנט-אפערירטע ברעיק

V . . . מעדיצינישע אויסוואל ★★

V1 . . . פיס-אפערירטע פארקינג ברעיק

X . . . קיין קארגא אין CMV טאנק וויהיקעל ★★★

X1 . . . פולע האנט קאנטראל

Y . . . אקסל אנהאלטער באנוץ

Z . . . קיין פולע לופט ברעיק אויסגעשטעלטע CMV ★★

Z1 . . . רעדל דרייער

4 . . . טעלעסקאפישע לענס 4

5 . . . קיין באגרעניצטע צוטריט ראודס

★ נאר קלאס D

★★ נאר קאמערציאלע קלאס

★★★ נאר קאמערציעלע לערנער פערמיט

★★★★ נאר מאטארציקל קלאס

★★★★★ די אינטערלאק דעווייס איז נישט פארלאנגט אין א מאטאר וויהיקעל וואס באלאנגט פאר די געלייסענסטער'ס ארבעטסגעבער אויב די וויהיקעל ווערט גענוצט אין די צייט פון די געלייסענסטער'ס ארבעט. די ארבעטסגעבער מוז צושטימען צו די באנוץ פון די וויהיקעל אן דעם דעווייס.

## 1.2 - קאמערציאלע דרייווער לייסענס (CDL) און קאמערציאלע לערנער פערמיט (CLP) קלאסן, ענדארסירונגען און באגרעניצונגען

CDL און CLP קלאסן, ענדארסירונגען און באגרעניצונגען זענען באזירט אויף די סארט CMV וואס ווערט געדרייווט. די סארט CMV ווערט באשטימט דורך די וויהיקעל פאבריצירער'ס GVWR (פאר איינציגע וויהיקלס) אדער GCWR (פאר קאמבינאציע וויהיקעלס), קאנסטרוקציע אדער באנוץ. אונטער די CMV, NYS VTL וואג קלאסיפיקאציעס זענען באזירט אויף די **מערהייט** פון די פאלגענדע וואג: פאבריקאנט'ס GVWR אדער GCWR, רעגיסטראציע וואג, אדער אקטואלע וואג פון די וויהיקעל(ס) און פעקל. CLP/CDL קלאסן, ענדארסירונגען און באגרעניצונגען, דרייווער, איז פארבינדן צו וויהיקעל וואג, געבוי אדער באנוץ, ווי געוויזן אין Figure 1.1, 1.2 און 1.3 און בלאט 1-2.

## 1.3 קאמערציאלע דרייווער לייסענס און קאמערציאלע לערנער פערמיט פאדערונגען

ניו יארק סטעיט דרייווער לייסענסינג סטאנדארטן קומען נאך די פעדעראלע געזעצן פארבינדן צו קאמערציאלע דרייווער לייסענסעס (CDL) און קאמערציאלע לערנער פערמיטס (CLP). צו באקומען א NYS CDL אדער CLP מוזט איר נאכקומען די פאלגענדע סטאנדארטן און פאדערונגען:

### *1.3.1 - לעגאלע אנוועזנהייט פאדערונג*

US בירגער און געזעצליכע פערמענאנטע רעזידענטס מוזן צושטעלן באווייז פון בירגערשאפט אדער אומבאגרעניצטע געזעצליכע פערמענאנטע רעזידענסי ביי א DMV אפיס. איינמאל איר זענט נאכגעקומען די פארלאנג אין א DMV אפיס וועט איר נישט זיין געפאדערט צו אויפווייזן אייער לעגאלע סטאטוס נאכאמאל. אפליקאנטן פון א פרעמדע יוריסדיקציע מוזן צושטעלן באווייז פון לעגאלע אויפהאלטונג ביי א DMV אפיס פאר יעדע טראנזאקציע. ביטע גייט צו פארם ID-44CDL פאר א ליסטע פון אלע דאקומענטן וואס איר קענט איינגעבן אלץ באווייז פון US בירגערשאפט, געזעצליכע פערמענאנטע רעזידענסי, אדער צייטווייליגע לעגאלע אויפהאלטונג.

### *1.3.2 - רעזידענסי פאדערונג*

איר מוזט אויך זיין א איינוואוינער פון ניו יארק סטעיט צו קענען געגעבן ווערן א NYS CLP אדער CDL. איין באווייז פון וואוינארט איז פארלאנגט זיך איינצוגעבן, איבערגעבן, באנייען, און טוישן אייער CLP/CDL. ביטע גיי צו פארם ID-44CDL פאר א ליסטע פון אלע דאקומענטן וואס איר קענט איינגעבן אלץ באווייז פון ניו יארק סטעיט רעזידענסי.

א דרייווער וואס באזיצט א CDL אויסגעגעבן דורך אן אנדערע יוריסדיקציע וואס ציט זיך אריבער צו ניו יארק מוז זיך איינגעבן פאר א NYS CDL דורכאויס 30 טעג נאכ'ן אויפשטעלן רעזידענסי. א נייע רעזידענט קען זיך איינגעבן צו טוישן א CDL געגעבן דורך אן אנדערע יוריסדיקציע פאר א NYS CDL (רעסיפראקיטי). *אבער, כדי צו אנהאלטן א שעדליכע מאטריאל (האזמאט) ענדארסירונג, מוזט איר צאלן די טעסט אפצאל, נעמען און דורכגיין די האזמאט געשריבענע וויסנשאפט טעסט (א צייכן פון 80% איז דורכגעמאכט), און צאלן פאר און דורכגיין א הונטערגרונד איבערזיכט. (זעה חלק 9, שעדליכע מאטריאלן.)*

### *1.3.3 - עלטער פאדערונג*

<u>קלאס A, B און C</u> - איר מוזט זיין כאטש **18** יאר אלט, *אבער אויב אונטער 21, קענט איר דרייוון א CMV נאר פאר* ***אינטרא****סטעיט האנדל (אינערהאלב ניו יארק סטעיט), קען נישט אריבערפירן סטודענטן אין א שולע באס, און קען נישט אריבערפירן שעדליכע מאטריאל.*

### *1.3.4 - שפראך פאדערונג.*

איר דארפט קענען ליינען אין רעדן די ענגלישע שפראך גענוג גוט צו:

- רעדן מיט אנדערע מענטשן,
- פארשטיין הייוועי טרעפיק שילדן און סיגנאלן אין די ענגלישע שפראך,
- ענטפערן פראגן פון אפיציעלן,
- מאכן אריינשרייבונגען אויף רעפארטס און רעקארדס, און
- נעמען סקילס טעסטס אזוי ווי געפאדערט פאר באקומען אייער CDL

### 1.3.5 - *זעלבסט-באשטעטיגונג פאדערונג*

פעדעראלע מאטאר טרעגער זיכערהייט אדמיניסטראציע (FMCSA) רעגולאציעס פאדערן אלע ניו יארק סטעיט CLP אדער CDL באזיצער צו באשטעטיגן מיט די דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקעלס (DMV) צו די סארט פון קאמערציאלע אפעראציע זיי פירן דורך אדער זענען געשאצט צו דורכפירן. אלע CLP אדער CDL באזיצער מוזן באשטעטיגן צו איינע פון די פיר קאטעגאריעס אויסגערעכנט אין פיגור 1-4, (זעלבסט-באשטעטיגונג דרייוון סארטן), איידער די ארויסגעבן, טוישן אדער באנייען פון א CLP אדער CDL. ווי אויך, וועגדנדיג אויף וועלכע דרייוון סארט איר טוט זעלבסט-באשטעטיגן צו, וועט איר האבן אפאר מעדיצינישעפאדערונגען וואס קענען זיין גילטיג פאר אייך. א שילדערונג פון מעדיצינישעפאדערונגען קען מען טרעפן אין חלק 1.3.6.

| **ניִשט-אויסנאם INT<u>ER</u>שטאט (NI)** | **אויסנאם* INT<u>ER</u>שטאט (EI)** |
|---|---|
| • מוז זיין 21 יאר אדער מער<br>• קען נישט האבן א K אדער A3 באגרעניצונג<br>• CDL באזיצער מיט א מעדיצינישע אויסוואל מוזן האבן די V באגרעניצונג<br>• CDL באזיצער מיט א H אדער X ענדארסירונג קענען אויסוועלן די דרייוון סארט<br>• יעצטיגע USDOT מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט <u>געפאדערט</u> | • מוז זיין 18 יאר אדער מער<br>• מוז זיין אריינגעטון נאר אין "אויסנאם אפעראציע"<br>• מוז האבן האבן אן A3 באגרעניצונג<br>• מעג נישט האבן א K אדער V באגרעניצונג<br>• מעג נישט האבן א H אדער X ענדארסירונג<br>• מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט <u>נישט געפאדערט</u><br>* זעה חלק 1.3.6 פאר אויסנאם דרייוון סארטן |
| **ניִשט-אויסנאם INT<u>RA</u>שטאט (NA)** | **אויסנאם* INT<u>RA</u> שטאט (EA)** |
| • מוז זיין 18 יאר אדער מער<br>• מוז האבן א K באגרעניצונג<br>• מעג נישט האבן אן A3 באגרעניצונג<br>• CDL באזיצער מיט א מעדיצינישע אויסוואל מוזן האבן די V באגרעניצונג<br>• CDL באזיצער **<u>21 יאר און עלטער</u>** מיט אן H אדער X ענדארסירונג קענען אויסוועלן די דרייוון סארט<br>• יעצטיגע USDOT מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט פארלאנגט | • מוז זיין 18 יאר אדער מער<br>• מוז זיין אריינגעטון נאר אין "אויסנאם אפעראציע"<br>• מוז האבן די K און A3 באגרעניצונגען<br>• קען נישט האבן א V באגרעניצונג<br>• קען נישט האבן א H אדער X ענדארסירונג<br>• מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט <u>נישט פארלאנגט</u><br>* זעה חלק 1.3.6 פאר אויסנאם דרייוון סארטן |

**פיגור 1.4 זעלבסט-באשטעטיגטע דרייוון סארטן**

"אינטערסטעיט" האנדל איז ווען איר דרייווט א CMV:

- פון איין שטאט צו אן אנדערע אדער א פרעמדע לאנד;
- צווישן צוויי פלעצער אין ניו יארק סטעיט אבער, דורכאויס א טייל פון די רייזע, טוט די CMV אריינגיין אין אן אנדערע שטאט אדער פרעמדע לאנד; אדער
- צווישן צוויי פלעצער אין ניו יארק סטעיט, אבער די <u>פעקלעך</u> זענען א טייל פון די רייזע וואס האט זיך אנגעהויבן אדער וועט סוף זיך ענדיגן אין אן אנדערע שטאט אדער פרעמדע לאנד.

"אינטערסטעיט" האנדל איז ווען איר דרייווט א CMV נאר אינערהאלב ניו יארק סטעיט און איר טוט נישט נאכקומען קיינע פון די שילדערונגען אויבן פאר אינטערסטעיט האנדל.

### 1.3.6 - מעדיצינישע אונטערזוכונג פאדערונג

אויב איר טוט זעלבסט-באשטעטיגן צו א נישט-אויסנאם (NA אדער NI) דרייוון סארט, טוט די פעדעראלע רעגירונג פאדערן פון אייך צו האבן א מעדיצינישע אונטערזוכונג כדי צו אנטדעקן פיזישע אדער גייסטישע צושטאנדן וואס קען אפעקטירן אייער פעאיגקייט צו פירן א מאטאר וויהיקעל זיכערהייט. די אונטערזוכונג פאדערונגען געפונען זיך אין די U.S. דעפארטמענט פון טראנספארטאציע'ס (USDOT) פעדעראלע מאטאר טרעגער זיכערהייט אדמיניסטראציע רעגולאציעס אונטער 49 CFR חלק 391. די USDOT מעדיצינישע אונטערזוכונג דעקט 13 חלקים וואס איז דירעקט פארבינדן צו די פעאיגקייט צו דרייוון זיכערערהייט. **איר מוזט דורכגיין די USDOT מעדיצינישע אונטערזוכונג, און באקומען א USDOT מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט. ווען איר פילט אויס אן MV-44 אפליקאציע זיך איינצוגעבן פאר, טוישן אדער באנייען א NYS CLP אדער CDL, אויב איר טוט באשטעטיגן אז איר האט א יעצטיגע, גילטיגע מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט מוזט איר צושטעלן א קאפיע פון אייער סערטיפיקאט צו די DMV כדי אויפצווייזן אז איר קומט נאך די סטאנדארט, אויב איר האט נישט איינס אויף פייל.**

**אויב אייער מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט טוט אנדייטן אז עס מוז ווערן באגלייט דורך א וועיווער/עקזעמפשאן אדער סקילס אויספירונג איבערזיכט (SPE) סערטיפיקאט, א גילטיגע FMCSA וועריענץ פון די זעלבע סארט אנגעדייט אויף אייער מעדיצינישע סערטיפיקאט מוז זיין אויף פייל מיט די DMV.**

אייער CLP אדער CDL וועט נישט ווערן ארויסגעגעבן, באנייט, אדער געטוישט אויב איר טוט נישט פרעזענטירן, אדער האט נישט אויף פייל, גילטיגע מעדיצינישע דאקומענטאציע.

**באמערקונג: די פיזישע אונטערזוכונג דורכגעפירט בלויז פאר באס דרייווערס זענען אויסגעשטעלט צו געזעץ A-19 פון די NYS וויהיקעל און טרעפיק געזעץ טוט נישט נאכקומען די פארלאנגען פון חלק 391 פון די פעדעראלע מאטאר טרעגער זיכערהייט רעגולאציעס, אויסער אויב די פעדעראלע מעדיצינישע סטאנדארטן, פראצעדורן און פארמס ווערן גענוצט און איר באקומט א "מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט".**

- <u>וואס איז א מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט?</u> די USDOT **מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט איז בייגעלייגט צו די מעדיצינישע אונטערזוכונג רעפארט**, וועלכע ווערט געענדיגט דורך א באשטעטיגטע מעדיצינישע אונטערזוכער פון די פעדעראלע מאטאר טרעגער זיכערהייט אדמיניסטראציע'ס (Federal Motor Carrier Safety Administration, FMCSA) נאציאנאלע רעגיסטרי פון באשטעטיגטע מעדיצינישע אונטערזוכערס. <u>**אלע מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקעטס ארויסגעגעבן אויף אדער ביז מאי 21, 2014 מוזן ווערן ארויסגעגעבן דורך א מעדיצינישע אונטערזוכער און מוז ענטהאלטן די מעדיצינישע אונטערזוכער'ס נאציאנאלע רעגיסטרי נומבער.**</u> אויב איר טוט דורכמאכן דעם אונטערזוכונג, זאל די מעדיצינישע אונטערזוכער אויספילן די סערטיפיקאט און עס געבן צו אייך צו ווייזן אז איר האט עס דורכגעמאכט. איר מוזט פרעזענטירן א קאפיע פון אייער סערטיפיקאט צו די DMV וואו עס וועט געהאלטן ווערן אויף פייל ביז עס טוט אפלויפן. איידער די אפלויף דאטום פון אייער סערטיפיקאט אויף פייל, מוזט איר געבן א באנייטע מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט צו די DMV. מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאטס וועלן נאר ווערן אנגענומען ביי אייער לאקאלע DMV ווען איר געבט אריין אן אפליקאציע פאר אן אריגינעלע, געטוישטע אדער באנייטע NYS CDL. אויב איר טוט נישט איינע פון די טראנזאקציעס, מוזט איר שיקן אויף פאסט אדער ארײנשיקן אייער סערטיפיקאט צו די מעדיצינישע סערטיפיקאציע איינהייט פון די DMV.

NYS Department of Motor Vehicles
Medical Certification Unit
PO Box 2601
Albany, NY 12220-0601
טעלעפאן נומער: 474-3603 (518)
פאקס@: 486-4421 (518) אדער 486-3260
אימעיל: dmv.sm.CDLMedCertUnit@dmv.ny.gov

- <u>ווי לאנג איז א מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט גילטיג?</u> א USDOT מעדיצינישע אונטערזוכונג איז נארמאל גילטיג פאר 24 מאנאטן. אבער, אייער מעדיצינישע אונטערזוכער קען אייך געבן א מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט וואס לויפט אפ אין ווייניגער ווי 24 מאנאטן כדי צו נאכפאלגן א צושטאנד, אזוויי היוכע בלוט דרוק פרעשור, וואס די אונטערזוכער וויל נאכקוקן מער אפט ווי יעדע צוויי יאר.

- <u>ווער קען אויספירן די מעדיצינישע אונטערזוכונג?</u> אנגעהויבן פון מאי 21, 2014, קענען נאר דאקטוירים אויסגערעכנט אויף די FMCSA נאציאנאלע רעגיסטרי פון סערטיפייד מעדיצינישע אונטערזוכערס דורכפירן א USDOT מעדיצינישע אונטערזוכונג. אלע USDOT מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאטס ארויסגעגעבן אויף אדער ביז מאי 21, 2014 מוזן ווערן ארויסגעגעבן דורך א סערטיפייד מעדיצינישע אונטערזוכער און מוז ענטהאלטן די מעדיצינישע אונטערזוכער'ס נאציאנאלע רעגיסטרי נומער.

- <u>וויאזוי קען איך טרעפן א לייסענסירטע מעדיצינישע אונטערזוכער?</u> צו טרעפן א סערטיפייד דאקטער אין אייער געגנט, ביטע באזוכט די פעדעראלע וועבזייטל אויף:
http://www.fmcsa.dot.gov/regulations/national-registry/national-registry-certified-medical-examiners

*__וויכטיגע דערמאנונג:__ עס איז די פאראנטווארטליכקייט פון די CLP אדער CDL באזיצער אריינצוגעבן אויפגעפרישטע קאפיס פון סיי וועלכע פארלאנגטע מעדיצינישע דאקומענטאציע צו די DMV, איידער די אפלויף דאטום פון די מעדיצינישע דאקומענטאציע אויפן פייל. **פארפעלן אויפצוהאלטן פרישע מעדיצינישע דאקומענטאציע מיט די DMV וועט זיך ענדיגן מיט די פארלוסט פון אייער קאמערציאלע דרייוון פריווילעגיע.**

### *1.3.7 - מעדיצינישע עקזעמינאציע אויסנאם*

א מעדיצינישע אונטערזוכונג אדער א USDOT מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט איז נישט פארלאנגט אויב איר טוט זעלבסט באשטעטיגן צו אן **אויסנאם** (EA אדער EI) דרייוון סארט. אן **אויסנאם** דרייוון סארט (EA אדער EI) איז גילטיג צו די פאלגענדע סארטן פון קאמערציאלע אפעראציע:

- צו אריבערפירן שולע קינדער און/אדער שולע אייגנשטעלטע צווישן זייער היים און שולע;
- אלץ פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע רעגירונגס ארבעטער;
- צו אריבערפירן מענטשליכע קערפער אדער קראנקע אדער געשעדיגטעפערזאנען;
- פייער טראק אדער רעטונג וויהיקעלס דורכאויס עמערזשענסיס און אנדערע פארבינדענע אקטיווטעטן;
- הויפטזעכליך אין די טראנספארטאציע פון פראופעין/ווינטער הייצונג ברענשטאף ווען ענטפערן צו אן עמערזשענסי צושטאנד וואס פארלאנגט א באלדיגע ענטפער ווי שאדן צו א פראופעין גאז סיסטעם נאך א שטורעם אדער פארפלייצונג;
- אין ענטפער צו א פייפליין עמערזשענסי צושטאנד פאדערנדיג באלדיגע ענטפער ווי א פייפליין לאך אדער בראך;
- אין אייגענע פלאנצונג אויף א פארם אדער צו אריבערפירן פארם מאשינעריי און געצייג גענוצט אין די אייגענע פלאנצונג אפעראציע צו און פון א פארם אדער צו אריבערפירן אייגענע געפלאנצטע פרוכט צו א סטארעדזש אדער מארקעט;
- בינען האדעווער אין די סיזענאל טראנספארטאציע פון בינען;
- אנגעפירט און אפערירט דורך א פארמער, אבער איז נישט א קאמבינאציע וויהיקעל (קראפט איינהייט און שלעפער איינהייט), און איז גענוצט צו אריבערפירן אגריקולטעראל פראדוקטן, פארם מאשינעריי אדער פארם געצייג (נישט פלאקאטן פארלאנגטע שעדליכע מאטריאלן) צו און פון א פארם און דורכאויס 150 לופט-מייל פון די פארם;
- אלץ א פריוואטע מאטאר טרעגער פון פאסאזשירן פאר נישט-ביזנעס צוועקן;
- צו אריבערפירן מייגראנט ארבעטער, מוז זיין 21 יאר אדער עלטער.
- דרייווער וואס האבן באקומען זייער NYS CDL איידער 9/9/1999 זענען ערלויבט צו דורכפירן "נישט-אקצעפטירט" קאמערציאלע אפעראציע (אויסער ווען אריבערפירן שעדליכע מאטריאלן) אין NYS אליין. די דרייווערס מוזן זעלבסט-באשטעטיגן צו EA.

### *1.3.8 - אפליקאציע און געשריבענע איבערזיכט פאדערונגען*

צו באקומען א קלאס A,B אדער C CDL פאר די ערשטע מאל, צו העכערן צו א העכערע קלאס CDL, אדער צו צולייגן א "P" אדער "S" ענדארסירונגצו א CDL, מוזט איר ערשט באקומען א קאמערציאלע לערנער פערמיט (CLP) פאר די ריכטיגע קלאס און סארט וויהיקעל איר פלאנט צו דרייוון. צו באקומען א לערנער פערמיט, מוזט איר <u>שוין האבן א NYS דרייווער לייסענס</u> וואס איז נישט סוספענדירט, אוועקגענומען אדער צוריקגערופן. איר מוזט זיך איינגעבן <u>פערזענליך ביי א NYS מאטאר וויהיקעלס אפיס*</u>. אפוינטמענטס זענען נישט געפאדערט, אבער, איר זאלט זיך פארבינדן מיט'ן אפיס אויב איר האט סיי וועלכע ספעציעלע געברויכן. ערלויבט דריי שעה צו ענדיגן אלע פון די פראסעסינג, אריינגערעכנט די נעמען פון די טעסט. פלאנירט אנצוקומען נישט שפעטער ווי די דריי שעה איידער די אפיס פלאנירטע צייט פון פארשפארן. ביי די מאטאר וויהיקעלס אפיס וועט איר:

- אויספילן אן אפליקאציע פארם (MV-44), אין וועלכע איר מוזט:
  - ➢ שטעלט צו באווייז פון אייער לעגאלע אויפהאלטן אין די U.S. (זעה פארם ID-44CDL)
  - ➢ שטעלט צו באווייז פון אייער NYS וואוינארט (זעה פארם ID-44CDL);
  - ➢ אויסרעכענען אלע די שטעט (אריינגערעכנט די דיסטריקט פון קאלאמביע) אין וועלכע איר זענט געווען לייסענסט צו דרייוון אין די לעצטע 10 יאר;
  - ➢ באשטעטיגן די סארט פון קאמערציאלע אפעראציע איר טוט, אדער זענט פאראויסגעשאצט צו טון;
  - ➢ צושטעלן א קאפי פון אייער מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקאט, אויב איר קומט נאך די פעדערעלע פארלאנגען.
- ווייזן אייער NYS דרייווער לייסענס.

- ווייזן אייער סאושעל סעקיוריטי קארטל, אויב NYS DMV האט נישט קיין רעקארד פון אייער סאושעל סעקיוריטי נומבער און איר ווערט געבעטן צו ווייזן אייער קארטל.
- צאלן די קאסטן וואס דעקן די אפליקאציע, פראסעסן די בילד דאקומענט, און טעסטינג.
- דורכמאכן די גענעראלע וויסנשאפט טעסט און סיי וועלכע פארלאנגטע ענדארסירונגטעסטס ענטפערנדיג כאטש 80% פון די פראגן ריכטיג (זעה חלק 1.4); איר זענט נישט ערלויבט צו ברענגען סיי וואס אין די טעסטינג צימער אדער געגנט אויסער א בלײַ, און איר מוזט פרעזענטירן אייער דרייווער לייסענס נאכאמאל איידער איר קענט נעמען די טעסט(ס). דערמאנונג: סעלפאונס זענען נישט ערלויבט אין סיי וועלכע טעסט חלק אין סיי וועלכע צייט.
- **פעדעראלע פארלאנגטע באגרעניצונגען אויף CLPS:**
  - CLPs ארויסגעגעבן מיט א פאסאזשיר (P) אדער שולע באס (S) ענדארסירונג וועלן אויטאמאטיש באקומען א נייע פעדעראלע פארלאנגטע "קיין פאסאזשירן אין CMV באס" (P) באגרעניצונג.
  - CLPs ארויסגעגעבן מיט א טאנק וויהיקעל (N) ענדארסירונג וועט אויטאמאטיש באקומען א פעדעראלע פארלאנגטע "קיין פעקלעך אין CMV טאנק וויהיקעל" (X) באגרעניצונג.
  - די P און X באגרעניצונגען זענען ארויסגעגעבן בלויז אויף די CLP. די CDL וואס איז ארויסגעגעבן נאך אלע פארלאנגטע טעסטס זענען דורכגעגאנגען וועלן נישט האבן די P אדער X באגרעניצונגען.

*לאקאציעס און שעות פון NYS מאטאר וויהיקל אפיסעס קען מען טרעפן אין אייער לאקאלע טעלעפאן דירעקטארי, אויף די NYS DMV וועבזייטל אויף dmv.ny.gov/offices.htm, אדער דורך רופן NYS DMV, ארבעטס-טעג (אויסער שטאטישע חגאות) צווישן 8:00 צופרי און 4:30 נאכמיטאג (איסטערן צייט) אויף 1-800-698-2931.

### *1.3.9 - דרייוון מיט אייער קאמערציאלע לערנער פערמיט*

אייער קאמערציאלע דרייווער לערנער פערמיט ערלויבט אייך צו דרייוון א וויהיקעל פון די קלאס און סארט וואס איז די זעלבע צו די קלאס און סיי וועלכע ענדארסירונגען פון אייער פערמיט, ווי לאנג:

- אייער CLP איז <u>באגלייט</u> דורך אן אונטערשטיצענדע NYS לייסענס.
- א דרייווער וואס <u>באזיצט</u> א CDL פון די זעלבע אדער העכערע קלאס מיט די ריכטיגע ענדארסירונגען באגלייט אייך *<u>אין אלע צייטן;</u>*
- אייער פערמיט און די סופערוויזונג דרייווער'ס CDL האבן <u>נישט</u> קיין שום באגרעניצונגען וואס וואלט נישט ערלויבט דרייוון אין די לערנען וויהיקעל; און
- איר טוט <u>נישט</u> אריבערפירן סיי וועלכע מאטריאל וואס פאדערט שעדליכע מאטריאל (האזמאט) פלאקאטן אדער סיי וועלכע מאס פון מאטריאל אויסגערעכנט אלץ א אויסגעוועלטע אגענט אדער טאקסין אין 42 CFR 73, אפילו ווען די סופערוויזונג דרייווער'ס CDL האט א האזמאט ענדארסירונג אדער איר אליין האלט א נידריגערע קלאס פון CDL מיט א האזמאט ענדארסירונג.

### *1.3.10 - סקילס טעסטינג פאדערונגען*

צו באקומען אייער CDL מוזט איר אריבערגיין די סקילס טעסט אין א פארטרעטער וויהיקעל - איינס וועלכע טוט ענדלען די קלאס, סארט, און באנוץ פון די CDL וואס איר דארפט. חזר חלקים 11, 12, און 13 אין די ביכל פאר דעטאלן איבער די CDL סקילס טעסט, און חזר דרייוון מיט אייער לערנער פערמיט ווי סאך מעגליך ביז איר זענט זיכער אז איר קענט דורכגיין די טעסט. איר קענט סקעדזשועלן אייער סקילס טעסט אדער **אנליין** אויף <u>dmv.ny.gov</u> אדער דורך די **טעלעפאן** אויף 1-518-402-2100. איר מוזט ווארטן כאטש 14 טעג פון די דאטום איר האט באקומען אייער CLP איידער איר מעגט נעמען די סקילס טעסט. עס נעמט נארמאל צענדליגע וואכן פון די דאטום וואס איר מאכט אייער אפוינטמענט צו די דאטום פון אייער טעסט, דעריבער סקעדזשועלט אייער טעסט ווי פריער. איר קענט אויך אפרופן א סקעדזשועלד סקילס טעסט אנליין אדער דורך די טעלעפאן, אבער איר מוזט אפרופן אייער אפוינטמענט נישט ווייניגער ווי דריי פילע ביזנעס טעג *איידער צו אייער געסקעדזשועלטע ראוד טעסט דאטום און צייט.* אויב איר טוט אפרופן שפעטער ווי דאס וועט איר פארלירן אייער סקילס טעסט אפצאל, און איר מוזט צאלן די סקילס טעסט אפצאל נאכאמאל איידער איר סקעדזשועלט נאכאמאל. מער אינפארמאציע פאר סקעדזשולן א סקילס טעסט קען מען טרעפן אויף די DMV וועבזייטל דערמאנט אויבן.

דורכצוגיין די סקילס טעסט מוזט איר ווייזן אז איר קענט אונטערזוכן און אפעריין די פארטרעטער וויהיקעל זיכערערהייט און געשיקט, מיט 50 אדער ווייניגער פוינטס אראפגערעכנט. אלע פרעזאנען וואס גייען דורך א ראוד טעסט וועלן ווערן באפוילן צו ווארטן 1 טאג איידער גיין צו DMV צו באקומען זייער פערמענאנטע CDL לייסענס.

דורכאויס די טעסט, אויב איר האט אדער זענט גורם א קראך, פירט דורך סיי וועלכע איינצעלע טרעפיק פארלעצונג אדער סכנה'דיגע זאך, אדער פארלירט מער ווי 50 פוינטס, וועט איר נישט דורכמאכן די סקילס טעסט. אויב איר מאכט נישט דורך א סקילס טעסט קענט איר סקעדזשועלן אן אפוינטמענט פאר די נעקסטע טעסט דאטום, געוואנדן אויף אפוינטמענט עוועילעבילעטי. עס איז נישט דא א מינימאלע ווארטן צייט פאר'ן איבערנעמען די סקילס טעסט

(אויסער אז איר קענט נאר נעמען איין טעסט פער טאג) אבער די נעקסטע אפוינטמענט דאטום קען זיין צענדליגע וואכן פון די דאטום איר מאכט עס. איר מוזט נאכאמאל באצאלן די סקילס טעסט אפצאל איידער איר קענט סקעדזשועלן אייער נעקסטע אפוינטמענט.

### *1.3.11 - מיליטערישע וועיווער פון סקילס טעסט*

די רעגולאציעס פון די קאמישענער פון מאטאר וועהיקעל טוט ערלויבן א CDL אפליקאנט מיט מיליטערישע ערפארונג אין דרייוון א קאמערציאלע מאטאר וועהיקעלס זיך איינצוגעבן פאר א וועיווער פון די CDL סקילס טעסט.

נאכצוקומען די פארלאנגען פון די וועיווער, מוז די אפליקאנט:

- יעצט אנהאלטן א גילטיגע NYS דרייווער לייסענס אדער האבן א גילטיגע אויסער-די-שטאט דרייווער לייסענס צו ווערן געטוישט פאר א NYS דרייווער לייסענס
- נאכקומען אלע אנדערע פארלאנגען צו קוואליפיצירן פאר א NYS CDL
- יעצט געהעריג ארבעטן (אדער געהעריג געארבעט דורכאויס די לעצטע 12 חדשים) אין א מיליטערישע פאזיציע (אקטיווע פאזיציע אדער ניו יארק נאציאנאלע שיץ) וואס פארלאנגט אפעראציע פון א CMV
- האט אפערירט א CMV פון די סארט וואס די דרייווער אפערירט (אדער שאצט צו אפערירן) פאר כאטש צוויי יאר גלייך פאר דעם:
  - די אפליקאציע דאטום, אויב אין אקטיווע סערוויס, אדער
  - די דאטום פון ווערן ארויסגעלאזט פון די מיליטער

ביי א DMV אפיס, מוז די אפליקאנט פרעזענטירן:

- אן אויסגעפילטע CDL סערטיפיקאציע פאר מיליטערישע וועיווער פון סקילס טעסט (פארם CDL-102), אוועילעבל אויף dmv.ny.gov/forms/CDL102.pdf אדער סיי וועלכע מאטאר וועהיקעל אפיס
- א גילטיגע NYS אדער אויסער-די-שטאט דרייווער לייסענס,
- מעדיצינישע אונטערזוכער'ס סערטיפיקעט (אויב פארלאנגט),
- באווייז פון מיליטערישע סערוויס ווי אויסגערעכנט אויף פארם CDL-102

איר מוזט דורכגיין אלע געשריבענע טעסטס שייך און צאלן די געשריבענע טעסט אפצאל, פערמיט אפצאל און לייסענס אפצאל עס איז נישטא קיין סקילס טעסט אפצאל.

אויב אלע פאדערונגען ווערן נאכגעקומען, וועט די DMV אפיס ארויסגעבן אייער CDL. די קלאס, ענדארסירונגען און באגרעניצונגען אויף אייער CDL וועט זיך ווענדן אויף די סארט פון CMV איר האט אפערירט אין די מיליטער. פאר מער אינפארמאציע זעה די ערקלערונג פון לייסענס קלאסן, ענדארסירונגען און באגרעניצונגען (פארם MV-500C).

### *1.3.12 - FMCSA בלויז שולע באס עקזעמפשן (בלויז שולע באס באגרעניצונג)*

די פעדעראלע מאטאר קעריער זיכערהייט אדמיניסטראציע ( ,Federal Motor Carrier Safety Administration FMCSA) שטעלט צו אן עקזעמפשן פון געוויסע פרי-טריפ וועהיקל אונטערזוכן סקילס טעסט פאדערונגען פאר געוויסע שולע באס דרייווערס.

די FMCSA עקזעמפשן לאזט נאך די ענדזשין קאמפארטמענט טייל פון די פרי-טריפ וועהיקל אונטערזוכונג סקילס טעסטינג פאדערונג, אויך באקאנט אלס די "אונטער-די-הוד" טייל, פאר נייע CDL אפליקאנטן אדער אפליקאנטן מיט א פריערדיגע CDL וואס ווילן די שולע באס (S) און פאסאזשיר (P) ענדארסירונגען. אפליקאנטן וואס האבן א יעצטיגע CDL זענען נישט בארעכטיגט מאר די FMCSA עקזעמפשן.

CDL אפליקאנטן וואס דארפן די FMCSA עקזעמפשן מוזן נעמען די "באגרעניצטע שולע באס" ראוד טעסט, און די "K" בלויז אינטראסטעיט און "S1" בלויז שולע באס באגרעניצונגען מוזן ווערן צוגעשטעלט.

די עקזעמפשן קען אויסלויפן. אפליקאנטן מוזן אריבערגיין די "באגרעניצטע שולע באס" ראוד טעסט און באזוכן א DMV אפיס אום אדער פאר די אויסלויף דאטום צו טוישן זייער לייסענס צו א CDL. נאך וואס די FMCSA עקזעמפשן לויפט אויס, קען א CDL מיט די "S1" בלויז שולע באס באגרעניצונג נישט ווערן באנייט. צו אנהאלטן א CDL, מוזן דרייווערס זיך איינגעבן פאר א פערמיט, נעמען א פולע CDL ראוד טעסט, און צאלן אלע פארלאנגטע אויסגאבן.

דרייווערס וועלכע ווילן אראפנעמען די "K" בלויז איטראסטעיט און "S1" בלויז שולע באס באגרעניצונגען מוזן זיך איינגעבן פאר א פערמיט, נעמען א פולע CDL ראוד טעסט, און צאלן אלע פארלאנגטע אויסגאבן.

מער אינפארמאציע איבער די עקזעמפשן און איר אויסלויף דאטום געפינט זיך אויף די DMV׳ס וועבזייטל.

### *1.3.13 - אלקאהאל און דראג טעסטינג פאדערונגען*

אונטער ניו יארק סטעיט געזעץ, סיי וועלכע פערזאן וואס אפערירט א מאטאר וועהיקעל אין ניו יארק איז גערעכנט צו האבן געגעבן צושטימונג צו א כעמיקאלע טעסט אויף איין אדער מער פון די פאלגענדע: אטעם, בלוט, אורין, אדער שפייעכץ, פאר די צוועק פון אפמאכן די אלקאהאלישע און/אדער דראג אינהאלט פון די בלוט.

## 1.4 - קאמערציאלע דרייווער לייסענס טעסטס

צו באקומען א CDL, מוזט איר דורכגיין וויסנשאפט און סקילס טעסטס. **די איינציגסטע צוועק פון די ביכל איז צו העלפן דורכמאכן די טעסטס.** די ביכל איז נישט א שטעל-פארטרעטער פאר א קאמערציאלע דרייווער טרענירונג קלאס אדער פראגראם. פארמאלע טרענירונג איז די מערסטע פארזיכערטע וועג צו לערנען די פילע ספעציעלע סקילס געפאדערט פאר דרייוון זיכערערהייט א גרויסע קאמערציאלע וויהיקעל און ווערן א פראפעסיאנאלע קאמערציאלע דרייווער. חלק 1.4.1, ווייזט די חלקים פון די ביכל וואס איר זאלט חזר'ן פאר יעדע מין קלאס אדער לייסענס און פאר יעדע ענדארסירונג.

### *1.4.1 - וויסנשאפט טעסטס*

איר וועט דארפן נעמען איין אדער מער וויסנשאפט טעסטס, ווענדנדיג זיך אויף וועלכע קלאס פון לייסענס און וועלכע ענדארסירונגען איר דארפט. אלע טעסט פראגן זענען פילצאליגע-אפציעס; איר מוזט אויסוועלן איין ריכטיגע ענטפער פון דריי אויסוואלן. די מארק דורכצומאכן די טעסט פאר יעדע קאמערציאלע דרייווער וויסנשאפט טעסט איז **80%**. אויב איר טוט נישט דורכמאכן א וויסנשאפט טעסט איז נישט דא קיין אפהאלט צו די נומבער פון ציי̈טן איר קענט עס איבערנעמען, אבער, דאס וועט זיין אויף די דיסקרעציע פון די דיסטריקט דירעקטאר, אפיס מענעדזשער, קאונטי קלערק אדער אפיס אונטערזוכער.

- די **אלגעמיינע (קאור) וויסנשאפט טעסט** איז גענומען דורך <u>אלע CLP און CDL אפליקאנטן</u>. ***פאר די טעסט, חזר חלקים 1, 2, 3, 11, 12, און 13 פון די ביכל.***

**ווען איר נעמט סיי וועלכע אנדערע CDL וויסנשאפט טעסט מוזן אלע טעסט נעמערס חזר'ן חלקים 1, 2, 3, 11, 12, און 13 ווי אויך די חלק(ים) אויסגערעכנט אונטן.** די אנדערע CDL וויסנשאפט טעסטס, און די **איבעריגע** חלקים פון די ביכל וואס איר זאלט חזר'ן דורכצומאכן יעדע פון זיי, זענען:

- די **קאמבינאציע וויהיקעלס טעסט**, פארלאנגט צו דרייוון קאמבינאציע וויהיקעלס (קלאס A CDL); ***חזר חלקים 5 און 6***
- די **צווילינגס/דרילינגס טעסט**, פארלאנגט צו שלעפן צווילינג אדער דרילינג טרעילערס; ***חזר חלקים 5, 6, און 7***
- **דישעדליכע מאטריאלן טעסט**, פארלאנגט צו שלעפן שעדליכע מאטריאלן אדער אפפאל אין חלקים וואס פאדערן פלאקאטן אדער סיי וועלכע מאס פון א מאטריאל אויסגערעכנט אלץ א אויסגעוועלטע אגענט אדער טאקסין אין 42 CFR 73. כדי צו באקומען די ענדארסירונג, זענט איר אויך פארלאנגט דורכצומאכןביידע א ניו יארק סטעיט און א טראנספארטאציע זיכערהייט אדמיניסטראציע (TSA) הונטערגרונט איבערזיכט; ***חזר חלק 9***
- די **פאסאזשיר אריבערפירן טעסט**, גענומען דורך <u>אלע באס דרייווער אפליקאנטן</u>; ***חזר חלק 4***
- די **שולע באס טעסט**, פארלאנגט צו דרייוון א סקול באס מיט א GVWR פון מער ווי 26,000 פונט אדער געמאכט צו אריבערפירן 15 אדער מער פאסאזשירן (אויסער די דרייווער); ***חזר חלק 10***
- די **טאנק וויהיקעלס טעסט**, געפאדערט צו שלעפן א פליסיגקייט אדער פליסיגקייט גאז אין א פערמענאנטע אויפגעהויבענע קארגא טאנק גערעכנט ביי 119 גאלאן אדער מער אדער א פארטאבל טאנק גערעכנט ביי 1,000 גאלאן אדער מער; ***חזר חלקים 6, 8, און 9***
- די ***לופט ברעיקס טעסט***, וועלכע איר מוזט נעמען אויב אייער וויהיקעל האט לופט ברעיקס, אריינגערעכנט לופט-איבער-הייראליק ברעיקס; ***חזר חלק 5***

### *1.4.2 - סקילס טעסט*

אויב איר גייט דורך די פארלאנגטע וויסנשאפט טעסט(ס), קענט איר נעמען די CDL סקילס טעסט. איר מוזט ווארטן כאטש 14 טעג פון די דאטום איר האט באקומען אייער CLP איידער איר קענט נעמען די סקילס טעסט. עס זענען דא דריי סארטן פון גענעראלע סקילס וועלכע וועלן ווערן געטעסט: פאר'ן רייזע וויהיקעל אינספעקציע, פשוט'ע וויהיקעל קאנטראל, און אויף די ראוד דרייוון. איר מוזט נעמען די סקילס טעסט אין די קלאס און סארט פאר יעדע די וויהיקעל פאר וועלכע איר האפט צו ווערן געלייסענסט. סיי וועלכע וויהיקעל וואס האט אנגעצייכענט אדער אנגעצייכענטע קאמפאנענטס קענען נישט ווערן גענוצט פאר די פאר'ן טריפ וויהיקעל אינספעקציע טעסט.

**פאר'ן טריפ וויהיקעל אינספעקציע.** איר וועט ווערן געטעסט צו זעהן אויב איר ווייסט אויב אייער וויהיקעל איז פארזיכערט צו דרייוון. די פאר'ן טריפ וויהיקעל אינספעקציע מוז ווערן דורכגעפירט איידער איר קענט ווייטער גיין צו די פשוט'ע וויהיקעל קאנטראל סקילס טעסט. איר וועט ווערן געבעטן צו טון א פרי טריפ אינספעקציע פון אייער וויהיקעל און שילדערן פאר אייער אונטערזוכער וואס איר וואלט איבערגעקוקט און פארוואס. *זעה חלק **11** פאר דעטאלן.*

**פשוט'ע וויהיקעל קאנטראל.** איר וועט ווערן אינטערזיכט אויף אייער סקיל צו קאנטראלירן די וויהיקעל. איר וועט ווערן געבעטן צו רוקן אייער וויהיקעל פאראויס, צוריקצוווגעס, און זיך דרייען דורכאויס א אנגעצייכענטע חלק. די חלקים קענען אדער קענען נישט זיין אנגעצייכנט מיט טרעפיק לעינס, קאוונס, בעריערס, אדער עפעס ענליך. די אונטערזוכער וועט אייך זאגן וויאזוי יעדע קאנטראל טעסט דארף צו ווערן געטון. *זעה חלק **12** פאר דעטאלן.*

**אויפ'ן ראוד דרייוון טעסט.** איר וועט ווערן אינטערזיכט אויף אייער סקיל צו פירן אייער וויהיקעל זיכערערהייט אין פארשידענע אנדערע טרעפיק מצבים. די מצבים קענען אריינרעכענען לינקע און רעכטע דרייען, אינטערסעקשאנס, באן אריבערגענג, געדרייאכץ, ארויף און אראפ גרעידס, איינצעלע אדער מערערע-לעין וועגן, גאסן, אדער הייוועיס. די אונטערזוכער וועט אייך זאגן וואו צו דרייוון. *זעה חלק **13** פאר דעטאלן.*

## 1.5 - מער פארלאנגען פאר באס דרייווערס

אלע באס דרייווערס אין ניו יארק סטעיט מוזן האבן CDLs, און ארבעטסגעבער מוזן מאכן זיכער אז די דרייווערס וואס זיי טוען אויפנעמען זענען קוואליפיצירט צו דרייוון באסעס. ווי אויך, ארטיקל A-19 (ספעציעלע פארלאנגען פאר באס דרייווערס) פון די NYS VTL שטעלט סטאנדארטן פאר באס דרייווערס. אונטער די געזעץ, מוזן ארבעטסגעבער פון באס דרייווערס:

- אויספירן א הונטערגרונד איבערזיכט אויף א נייע דרייווער'ס ארבעטן היסטאריע פון די לעצטע דריי יאר.
- באקומען דרייוון רעקארדס פון אלע יוריסדיקציעס ווי די דרייווער האט געארבעט, געוואוינט אדער האט געהאט א דרייווער לייסענס אדער לערנער פערמיט אין די לעצטע 3 יאר.
- זאגן דרייווערס וועגן די פראוויזשאנס פון ארטיקל A-19.
- פארלאנגען אז דרייווערס נעמען אן ערשטע פיזישע איבערזיכט און דערנאך נאכפאלגענדע פארהערן <u>יעדע צוויי יאר.</u>
- יערליך איבערגיין די דרייוון רעקארד פון יעדע דרייווער אפצומאכן אויב ער/זי טוט נאכקומען די מינימאלע פארלאנגען צו דרייוון א באס.
- יערליך נאכקוקן יעדע דרייווער'ס דעפענסיוו דרייוון פארשטעלונג בשעת'ן אפערירן א באס וואס טראגט פאסאזשירן.
- געבן פאר יעדע דרייווער א געשריבענע אדער געזאגטע אונטערזוכונג <u>יעדע צוויי יאר</u> צו זעהן זיין/איר וויסנשאפט פון די רעגולאציעס פון די וועג, דעפענסיוו דרייוון פראקטיצירונג און געזעצן וואס רעגולירן באס דרייוון אין ניו יארק סטעיט.
- געבן פאר יעדע דרייווער א ביים-רעדל דרייוון טעסט <u>יעדע צוויי יאר.</u>
- שטעל אויס א דרייווער וואס פארנאכלעסיגט צו געבן א מעלדונג פון באשולדיגונג און עקסידענטן צו א פינף ארבעט-טאג פריילאזונג, אדער, אויב די באשולדיגונג איז פאר א מיסדימינער אדער פעלאני, א פריילאזונג אין ווערט פון די נומבער פון ארבעטס טעג וואס א דרייווער איז נישט אין איינשטימונג מיט די איינמעלדונג פאדערונגען, אדער פינף ארבעטס טעג, וועלכע איז לענגער.

מער פארלאנגען פאר <u>*שולע באס*</u> דרייווערס. חלק A-19 פאדערט אז ארבעטסגעבער פון *שולע* באס דרייווערס מוזן פארלאנגען א קרימינאלע געשיכטע איבערזיכט אויף יעדע דרייווער באזירט אויף זיין/איר פינגער אפדרוקן. NYS ערציאונג דעפארטמענט (NYS Education Department, NYSED) רעגולאציע טוט אויך פאדערן אז דרייווערס פון שולע באסעס:

- זיין כאטש 21 יאר אלט.
- נעמען און דורכגיין א <u>יערליכע</u> נאכפאלגענדע פיזישע אינטערזוכונג.

אויב א באס דרייווער טוט נישט נאכקומען סיי וועלכע לעגאלע אדער רעגולעטארי פארלאנגען, קען די ארבעטסגעבער נישט ערלויבן די דרייווער צו אפערירן א באס ביז די פארלאנגען ווערן נאכגעקומען. די דעפארטמענט אוו מאטאר וויהיקעלס טוט אויך נישט ערלויבן דרייווערס באזירט אויף זייער דרייוון רעקארד און קרימינאלע געשיכטע.

## 1.6 - דרייווער דיס-קוואליפיקאציע

### *1.6.1 - אלגעמיין*

איר קענט נישט דרייוון א קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל אויב איר זענט דיס-קוואליפיצירט פאר סיי וועלכע סיבה.

### *1.6.2 - אלקאהאל, פארלאזן די סצענע פון אן עקסידענט, און אויספירן א פעלאני*

עס איז נישט לעגאל צו פירן א CMV אויב אייער בלוט אלקאהאל קאנצענטראציע (BAC) איז .04% אדער מער. אויב איר אפערירט א CMV, ווערט איר גערעכנט ווי איר האט געגעבן אייער צושטימונג צו אלקאהאל אונטערזוכונג. איר וועט ווערן ארויסגעשטעלט פון סערוויס פאר 24 שעה אויב איר האט סיי וועלכע מערקבארע מאס פון אלקאהאל אונטער .04%..

איר וועט פארלירן אייער CLP אדער/און CDL **פאר כאטש איין יאר** פאר אן ערשטע פארלעצונג פאר:

- דרייוון א CMV אויב אייער בלוט אלקאהאל קאנצענטראציע (BAC) איז .04% אדער מער.
- דרייוון סיי וועלכע וויהיקעל אונטער די איינפלוס פון אלקאהאל.
- דרייוון סיי וועלכע וויהיקעל אונטער די איינפלוס פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ.

- אפזאגן צו אונטערגייין בלוט אלקאהאל טעסטינג.
- פארלאזן די סצענע פון אן עקסידענט אן באריכטן.
- דורכפירן א פעלאני וואס האט צוטון מיט די באנוץ פון א וויהיקעל.
- אפערירן א CMV בשעת אייער CLP און/אדער CDL איז אוועקגענומען, סוספענדירט, אדער צוריקגעוויזן פאר פריערדיגע פארלעצונגען, אדער זענט דיס-קוואליפיצירט פון אפערירן א CMV, אדער איר זענט באשולדיגט פאר צוברענגען א פאטאליטעט דורך פארנאכלעסיגטע אפעראציע פון א CMV, אריינגערעכנט, אבער נישט באגרעניצט צו פארברעכן פון אומברענגען א מענטש מיט א וויהיקעל אדער קרימינאלע פארנאכלעסיגטע האמיסייד.

איר וועט פארלירן אייער CLP און/אדער CDL **פאר כאטש דריי יאר** אויב די פארלעצונג געשעט בשעת איר אפערירט א CMV וואס האט פלאקאטן פאר שעדליכע מאטריאלן.

איר וועט פארלירן אייער CLP און/אדער CDL **פאר'ן לעבן** אויב באשולדיגט פאר א צווייטע מאל פאר איינע פון די פארברעכן אויסגערעכנט אויבן.

איר וועט פארלירן אייער CLP און/אדער CDL **פאר'ן לעבן** אויב איר נוצט א CMV דורכצופירן א פארברעך וואס האט צו טון מיט קאנטראלירטע סובסטאנצן.

### *1.6.3 - הארבע טרעפיק פארלעצונגען*

הארבע טרעפיק פארלעצונגען רעכנט אריין:

- גאר שנעלע ספידינג (15 MPH אדער מער העכער די באשטימטע לימיט)
- ווילדעדרייוון
- נישט ריכטיגע אדער מאדנע לעין טוישונגען
- נאכפאלגן א וויהיקעל צו נאנט
- טרעפיק פארלעצונגען דורכגעפירט אין א CMV אין פארבינדונג מיט פאטאלע טרעפיק עקסידענטן
- אפערירן א CMV אן ערשט באקומען א CLP אדער CDL
- אפערירן א CMV אן א CLP אדער CDL אינעם דרייווער'ס באזיץ
- אפערירן א CMV אן די ריכטיגע קלאס פון CLP אדער CDL און/אדער ענדארסירונג פאר די ספעציפישע וויהיקל ווערנדיג אפערירט און פאר די פאסאזשירן אדער מין פעקלעך וועלכע ווערן אריבערגעפירט
- אפערירן א CMV בשעת האלטן א סעלפאן אין האנט און/אדער טעקסטינג אפאראט.

איר וועט פארלירן אייער CLP אדער/און CDL:

- פאר כאטש 60 טעג אויב איר האט דורכגעפירט צוויי ערנסטע טרעפיק פארלעצונגען דורכאויס א דריי-יאר צייט אפשניט פארמישט אין א CMV.
- פאר כאטש 120 טעג פאר דריי ערנסטע טרעפיק פארלעצונגען דורכאויס א דריי-יאר צייט אפשניט פארמישט אין א CMV.

### *1.6.4 - פארלעצונג פון ארויס פון באנוץ ארדערס*

אויב א פעדעראלע אדער סטעיט אינספעקטאר טוט משפט'ן אייך אדער אייער קאמערציאלע וויהיקעל צו זיין אומזיכער דורכאויס אן אונטערזוכונג, וועלן זיי באפעלן אייך אדער אייער וויהיקעל ארויס פון באנוץ.

איר וועט פארלירן אייער CLP אדער/און CDL אויב איר זענט באשולדיגט אין אפערירן אין פארלעצונג צו די ארויס פון באנוץ באפעל:

- פאר כאטש 90 טעג אויב איר האט דורכגעפירט אייער ערשטע פארלעצונג פון אן ארויס פון באנוץ באפעל.
- פאר כאטש א יאר אויב איר האט דורכגעפירט צוויי פארלעצונגען פון ארויס פון באנוץ באפעלן דורכאויס א צען יאר צייט אפשניט.
- פאר כאטש דריי יאר אויב איר האט דורכגעפירט דריי אדער מער פארלעצונגען פון ארויס-פון-באנוץ דורכאויס א צען-יאר צייט אפשניט.

### 1.6.5 - באן-הייוועי ראטע אריבערגיין פארלעצונגען

די פארלעצונגען, בשעת אפערירן א קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל, רעכנט פארלעצונג פון א פעדעראלע, שטאט אדער לאקאלע געזעץ אדער רעגולאציעס וואס זענען פארבינדן צו איינע פון די פאלגענעדע זעקס פארלעצונגען ביי א באן-הייוועי גראד פארלעצונג:

- פאר דרייווערס וואס זענען נישט פארלאנגט זיך אייביג אפצושטעלן, פארפעלן זיך אפצושטעלן איידער אנקומען די איבערגאנג אויב די שינעס זענען נישט קלאר.
- פאר דרייווערס וואס זענען נישט פארלאנגט זיך אייביג אפצושטעלן, פארפעלן זיך צו פארשטאטערן איידער מאכן זיכער אז די שינעס זענען קלאר פון אן אנקומענדע באן.
- פאר דרייווערס וואס זענען נישט פארלאנגט זיך אייביג אפצושטעלן, פארפעלן זיך אפצושטעלן איידער דרייוון ארויף די אריבערגאנג.
- פאר אלע דרייווערס וואס טוען זיך נישט אפשטעלן צו האבן גענוג פלאץ צו דרייוון אינגאנצן דורך די איבערגאנג אן זיך אפשטעלן.
- פאר אלע דרייווערס וואס פארפעלן אויסצופאלגן א טרעפיק קאנטראל געצייג אדער די דירעקציעס פון אן ענפארסירונג אפיציעל ביי די איבערגאנג.
- פאר אלע דרייווערס וואס פארפעלן זיך דורכצוקומען ביי א איבערגאנג צוליב נישט גענוג אונטערקערידזש פלאץ.

איר וועט פארלירן אייער CLP אדער/און CDL:

- פאר כאטש 60 טעג פון אייער ערשטע פארלעצונג.
- פאר כאטש 120 טעג פון אייער צווייטע פארלעצונג דורכאויס א דריי-יאר צייט אפשניט.
- פאר כאטש איין יאר פון אייער דריטע פארלעצונג דורכאויס א דריי-יאר צייט אפשניט.

### 1.6.6 - שעדליכע מאטריאלן ענדארסירונג הונטערגרינד איבערזיכט און דיס-קוואליפיקאציעס

אויב איר פארלאנגט א שעדליכע מאטריאלן ענדארסירונג וועט איר זיין געפאדערט צו אריינגעבן אייער פינגער אפדרוקן און זיין אויסגעשטעלט צו א הונטערגרונד איבערזיכט.

איר וועט זיין צוריקגעוויזן אדער איר וועט פארלירן אייער שעדליכע מאטריאלן ענדארסירונג אויב איר:

- זענט נישט א געזעצליכע פערמענאנטע רעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטן.
- געבט אויף אייער פאראייניגטע שטאטן בירגערשאפט.
- זענט געזוכט אדער אונטער באשולדיגונג פאר פארשידענע פעלאניס.
- האט א קאנוויקשן אין מיליטערישע אדער ציווילע געריכט פאר פארשידענע פעלאניס.
- איר זענט עדזשודיקעיטעט אלץ נישט פארמאגן גייסטישע מעגליכקייט אדער איר זענט אומווילנדיג אריינגעלייגט געווארן צו א גייסטישע געזונט פעסיליטי ווי אויסגערעכנט אין 49 CFR 1572.109
- איר זענט גערעכנט צו שטעלן א זיכערהייט דראונג אלץ באשטימט דורך די טראנספארטאציע זיכערהייט אדמיניסטראציע.

מער אינפארמאציע איז אוועילעבל ביי: dmv.ny.gov/cdl.htm

### *1.6.7 - טרעפיק פארלעצונגען אין אייער פערזענליכע וויהיקעל*

פעדעראלע און סטעיט געזעצן פאדערן א CLP און CDL באזיצער צו ווערן דיס-קוואליפיצירט פון אפערירן א קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל אויב די CLP אדער CDL באזיצער זענען געווארן באשולדיגט אין אפאר סארטן פון רוקן פארלעצונגען אין זייער פערזענליכע וויהיקעל. דאס רעכנט אריין: איבערלאזן די סצענע פון אן עקסידענט, פארלעצונגען וואס האבן צו טון מיט אלקאהאל און/אדער דראגס, און פעלאניס וואס האבן צוטון מיט א מאטאר וויהיקעל.

אויב אייער פריווילעגיע צו אפערירן אייער פערזענליכע וויהיקעל איז אוועקגענומען, צוריקגערופן, אדער סוספענדירט צוליב פארלעצונגען פון טרעפיק קאנטראל געזעצן (אדער פארקינג פארלעצונגען) וועט איר אויך פארלירן אייער קאמערציאלע דרייווין פריווילעגיעס.

אויב אייער פריווילעגיע צו אפערירן אייער פערזענליכע וויהיקעל איז אוועקגענומען, צוריקגערופן, אדער סוספענדירט צוליב אלקאהאל, קאנטראלירטע סובסטאנץ, אדער פעלאני פארברעכן, וועט איר פארלירן אייער CLP און/אדער אייער CDL פאר **1 יאר**. אויב איר ווערט באשולדיגט פון א צווייטע אזא פארלעצונג אין אייער פערזענליכע וויהיקעל אדער CMV, וועט איר פארלירן אייער CLP אדער CDL **פאר'ן לעבן**.

אויב אייער לייסענס צו אפערירן אייער פערזענליכע וויהיקעל איז אוועקגענומען, צוריקגערופן, אדער סוספענדירט, וועט איר נישט קענען באקומען א "הארדשיפ" לייסענס צו אפערירן א CMV.

## 1.7 - אנדערע קאמערציאלע פריווילעגיע פארשריפטן

עס זענען דא אנדער פעדעראלע און סטעיט פארשריפטן וואס אפעקטירן דרייווערס וואס פירן CMVS אין אלע שטעט. צווישן זיי זענען:

### *1.7.1 - לייסענסינג פארשריפטן*

- קיינער קען נישט דרייווען א קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל אן א CLP אדער CDL. א געריכט קען אייך קנס'ען $75-$300 אדער אייך לייגן אין תפיסה פאר נישט אויספאלגן די רעגולאציע.
- איר קענט נישט האבן מער ווי איין לייסענס. אויב איר פאלגט נישט אויס די רעגולאציע, קען א געריכט קען אייך קנס'ען $75-$300 אדער אייך לייגן אין תפיסה און האלטן אייער היים שטאט לייסענס און צוריקגעבן סיי וועלכע אנדערע.
- אויב איר האט א שעדליכע מאטריאלן ענדארסירונג, מוזט איר מעלדן און אויפגעבן אייער שעדליכע מאטריאלן ענדארסירונג צו די סטעיט וואס האט אייך געגעבן אייער CDL דורכאויס 24 שעות אויב:
  - ➢ איר ווערט באשולדיגט, אנגעקלאגט, אדער געפינען נישט שולדיג פאר סיבות פון משוגעת אין סיי וועלכע יורודיסטריקציע, ציווילע אדער מיליטערישע, פאר א דיס-קוואליפיצירטע פארברעך אויסגערעכנט אין 49 CFR 1572.103;
  - ➢ איר זענט עדזשודיקעיטעט אלץ נישט פארמאגן גייסטישע מעגליכקייט אדער איר זענט אומווילנדיג ארייגעלייגט געווארן צו א גייסטישע געזונט פעסיליטי ווי אויסגערעכנט אין 49 CFR 1572.109; אדער
  - ➢ איר געבט אויף אייער U.S. בירגערשאפט.
- אלע שטעט זענען פארבינדן צו איין קאמפּוטערייזט סיסטעם צו מיטטיילן אינפארמאציע וועגן CLP און CDL דרייווערס. די שטעט וועלן איבערקוקן דרייוון רעקארדס און מאכן זיכער אז דרייווערס האבן נישט מער ווי איין CLP און CDL.
- איר מוזט זיין געהעריג איינגעצוימט מיט א זיכערהייט פאסיק ביי אלע צייטן בשעת איר אפערירט א קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל. די זיכערהייט פאסיק אויסשטעל האלט די דרייווער זיכערערהייט אונטער די רעדל בשעת א קראך, העלפנדיג די דרייווער צו קאנטראלירן די וויהיקל, און טוט פארמינערן די געלעגנהייט פון ערנסטע שאדן אדער טויט. אויב איר טוט נישט אן א זיכערהייט פאסיק, זענט איר פיר מאל מער אויסגעשטעלט צו זיין פאטאל געשעדיגט אויב איר ווערט ארויסגעווארפן פון די וויהיקעל.

### 1.7.2 - ארבעט געזעצן

- איר מוזט געבן פאר אייער ארבעטסגעבער אינפארמאציע אויף אלע דרייוון ארבעט וואס איר האט געטון די לעצטע 10 יאר.
- איר מוזט דאס טון ווען איר געבט זיך איין פאר א קאמערציאלע דרייוון ארבעט.
- איר מוזט מעלדן אייער ארבעטסגעבער דורכאויס 30 טעג פון באשולדיגנג פון סיי וועלכע טרעפיק פארלעצונגען (אויסער פארקינג). דאס איז אמת נישט קיין חילוק וועלכע מין וויהיקעל איר האט געדרייווט.
- איר מוזט מעלדן אייער ארבעטסגעבער אויב אייער לייסענס איז סוספענדירט, אוועקגענומען, אדער צוריקגערופן, אדער אויב איר זענט דיס-קוואליפיצירט פון דרייוון.
- אייער ארבעטסגעבער קען אייך נישט לאזן דרייוון א קאמערציאלע מאטאר וויהיקעל אויב איר האט מער ווי איין לייסענס אדער אויב אייער CLP אדער CDL איז סוספענדירט, אוועקגענומען אדער צוריקגערופן. א געריכט קען קנס'ען אייער ארבעטסגעבער ביז $5,000 אדער אים/איר לייגן אין תפיסה פאר נישט אויספאלגן די רעגולאציע.

## 1.8 - אינטערנאציאנאלע רעגיסטראציע פלאן און אינטערנאציאנאלע ברענשטאף שטייער הסכם

אויב איר אפערירט א CMV אין אינטערסטעיט האנדל, די וויהיקעל, מיט אפאר אויסנאמען, איז געפאדערט צו זיין רעגיסטרירט אונטער די אינטערנאציאנאלע רעגיסטראציע פלאן (International Registration Plan, IRP) און די אינטערנאציאנאלע פיול שטייער הסכם (International Fuel Tax Agreement, IFTA). די פראגראמען טוען צושטעלן פאר די זאמלען און אויסגעבן פון וויהיקעל רעגיסטראציע צאלונגען און פיול באנוץ שטייער פאר אינטערסטעיט טרעוול.

### 1.8.1 - אינטערנאציאנאלע רעגיסטראציע פלאן (IRP) ארויסגעגעבן דורך די דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס (DMV)

אונטער די IRP, יורידיקציעס מוזן רעגיסטרירן וויהיקעלס און אודיט רעגיסטראנט מיילעזש רעקארדס. רעגיסטראנטן מוזן זיך איינגעבן פאר IRP רעגיסטראציע, געבן ריכטיגע דאקומענטאציע, צאלן בארעכטיגטע צאלונגען,

ריכטיג ווייזן קרעדענשאלס, אויפהאלטן פונקטליכע און קאמפלייענט מיילעזש רעקארדס, און מאכן רעקארדס גרייט פאר אודיט.

### 1.8.2 - אינטערנאציאנאלע ברענשטאף שטייער הסכם (IFTA) ארויסגעגעבן דורך די דעפארטמענט פון שטייער און פינאנץ (Department of Taxation and Finance, DTF)

IFTA ערלויבט אינטערסטעיט קעריערס צו באריכט ברענשטאף גענוצט און צאלן ברענשטאף באנוץ שטייערן.

אונטער די IFTA, א טרעגער איז געגעבן איין פאר פון קרעדענשאלס צו רייזן אין אלע IFTA מיטגליד יורידיקציעס. די ברענשטאף באנוץ שטייערן געזאמלט לויט די IFTA ווערן גערעכנט באזירט אויף די נומבער פון מיילס/קילאמעטערס געפארן און די נומבער פון גאלאנען/ליטערס אריינגענומען דורך אלע מיטגליד יורידיקציעס. די באזע יורידיקציע וועט זאמלען און אויסגעבן ברענשטאף באנוץ שטייערן צו אנדערע מיטגליד יוריסדיקציעס און דורכפירן פיול באנוץ שטייער אודיטס.

טרעגער מוזן פיילן IFTA קווארטעליכע שטייער רעטורנס מיט די באזע יוריסדיקציע צו באריכטן טרעוועל און גאז באנוץ אין אלע IFTA מיטגלידער יוריסדיקציעס. טרעגער מוזן אנהאלטן מיילעזש און גאז רעקארדס אונטערצושטיצן זייער IFTA קווארטערליכע שטייער רעטורנס.

### 1.8.3 - מער אינפארמאציע און רעקארד האלטן פארשריפטן

מער אינפארמאציע און רעקארד האלטן פארשריפטן פאר די IRP קען מען באקומען פון DMV'S IRP אינסטרוקציע מאנועל (IRP-8), גרייט אונטער "ביזנעס באנוץ פארמס" אויף www.dmv.ny.gov. IRP, Inc איז די אפיציעלע רעפאזיטארי פון די IRP, און מער אינפארמאציע קען מען טרעפן אויף זייער וועבזייטל אויף www.irponline.org עס איז דא א טרענירונג ווידיאו אויף זייער וועבזייטל וואס מען קען באקומען אין ענליש, ספאניש, און פראנצויזיש.

פאר מער אינפארמאציע אויף IFTA, באזוכט דעם דעפארטמענט אוו טעקס און פינאנץ וועבזייטל אויף http://www.tax.ny.gov/. איר וועט אויך טרעפן נוצליכע אינפארמאציע ביי די אפיציעלע IFTA רעפאזיטארי אויף http://www.iftach.org/index.php

### 1.8.4 - אנהאלטן רעקארדס פאר IRP און IFTA

פאר IRP, מיילעזש רעקארדס וואס ענטהאלטן IRP רעגיסטראציעס מוזן ווערן געהאלטן פאר 6 יאר.

פאר IFTA, מיילעזש און גאז רעקארדס וואס ענטהאלטן IFTA קווארטליכע גאז באנוץ שטייער רעטורן מוזן ווערן געהאלטן פאר 4 יאר.